# יודישע

# שפּריכווערטער און רעדענסארטען

געזאַמעלט און ערקלערט

פֿון

איגנאַץ בערנשטיין.

(אויסגעלאַסענע און גראָבע שפּריכווערטער).

1908.

1 אַ בָּחוּר מִיט אַ זָכָר שִׁיט זִיךְ.

מָען מַיינְט דִי תַּאֲוָה פוּן מִשְׁכַּב-זָכָר. – מֶען דֶערְצֶעהְלְט נָאךְ אַן אַנֶעקְדָאטֶע, אַז צְוַויי אַלְטֶע טַטֶע פְרַיינְד הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ אָבְּגֶערֶעדְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַייעֶרֶע צְוַויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אָבֶּער אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, אַז בֵּיידֶע הָאבֶּען גֶעהַאט יוּנְגְלֶעךְ. דָא הָאבֶּען דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיין אַיינְגֶעזֶעהֶען, אַז אַזאַ שִׁידוּךְ אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּפִיהְרֶען.

2 אַ בְּרִית מַאכֶען אִיז נִיט אַזוֹי שְׁוֶוער, עֶס קָאסְט נָאר אַ סַךְ גֶעלְד.

3 אַ בְּתוּלָה מֶעג מֶען שׁוֹפֵךְ דַם זַיין, אָבֶּער נָאר אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער נַאכְט.

4 אַ נוֹי'ש פֶּעצֶעל אִיז וִוי אַ שְׁפִּיצִיג מִיצֶעל, אַ יוּדִישׁ פֶּעצֶעל אִיז וִוי אַ קַאפֶּעלוּשׁ.

p. kapelusz = קַאפֶּעלוּשׁ

5 אַ גַנָב אִיז קֵיין בְּרוּדֶער, אַ קוּרְוֶוע אִיז קֵיין שְׁוֶועסְטֶער.

p. kurwa = קוּרְוֶוע

6 אַ גֶענִיטֶע כַּלָה לֶעגְט זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְ'ן רִיקֶען.

7 אַ הוּר אִיז וִוי אַ טִינְטְהָארְן.

ד. ה. אִיטְלִיכֶער מֶעג דִי פֶעדֶער אַריינְשְׁטֶעקֶען.

8 אַ הוּר נִיט אָהְן אַ שִׁיעוּר, נָאר בַּיי אִיטְלִיכֶען מָאל זָאגְט זִי: „בֶּעצָאהְל".

9 אַ הוּר וֶוערְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אַ צִיצִית-שְׁפִּינֶערִין.

Nr. 72. פֶערְגֶל.

10 אַ הוּר מוּז מֶען פָארְוִיס בֶּעצָאהְלֶען.

11 אַהִין אוּן אַהֶער, אוּן אִין דֶער מִיטְט אַ לָאךְ – וָואס־זְשֶׁע וַוארְטֶסְט דוּ נָאךְ? – מַאךְ אַ שְׁמָאךְ!

12 אַ וָוארְט אוּן אַ פָּארְץ קֶען מֶען נִיט צוּרִיקְנֶעמֶען.

13 אַ וַוארֶעניק אִיז גוּט מִיט שְׁוַוארְצֶע בֶּערְלֶעךְ; אַ פִּירֶעג אִיז גוּט מִיט שְׁוַוארְצֶע הֶערְלֶעךְ.

r. пирогъ = פִּירֶעג ; r. вареникъ = וַוארֶעניק

14 אַ וַוייבּ טוֹיג נָאר אִין בֶּעט אַריין.

15 אַ וַוייבֶּעל מִיט אַ גְרוֹיסֶען שְׁלַייעֶר, אוּן הָאט לִיבּ הַארְטֶע אַייעֶר.

Nr. 64. פֶערְגֶל.

16 אויף אַ גרייטען תּחת איז נוט אַ קאַנע צו מאַכען.

קאַנע = p. kanka

17 אויף אַ פֿרעמדען תּחת איז גוט צו פּאַטשען.

18 אויף דער עלטער הער אויף צו זיין אַ חמור־עזעל, און נעם דיך ליבער צום גלעזעל.

19 אויף דער עלטער ווערט קלײנער דאס טײטעל, און גרעסער דער בײטעל.

20 אַז אַ ווײבעל דרעהט מיט'ן תּחת, איז אַ סימן, אַז זי איז פֿאַרן קיצעלדיג.

21 אַז אַ ווײבעל לאַכט, איז אַ גוטער סימן.

פֿערגל. Nr. 74.

22 אַז אַ (יודיש) ווײבעל שלאָפֿט מיט אַ גוי, קומט אַרויס אַ פֿערטיגער משומד.

23 אַזאַ יאָהר אויף מיר, ווי מען ליגט אויף איהר.

24 אַז אײן יוד שטעלט זיך פּישען, שטעלען זיך די איבריגע אויך.

מען וויל דערמיט זאָגען, אַז אַלע יודען זענען סאָלידאַריש ד. ה. ערבים זה בזה. אויסערדעם זאָגט מען דאס אויף קאַטאָוועס, אַז דעריבער טאָרען די יודען ניט אין דער מלחמה אַריין געהען, וואָרום אַלע וואָלטען זיך אויף אײן מאָל געשטעלט פּשתּין זיין, און דערווייל וואָלט דער שונא די שטאָדט איינגענעמען.

25 אַז אין דער שטאָדט איז דאָ אַן עירוב, מעג אַ מײדעל אויף־ טראָגען.

פֿערגל. Nr. 80.

26 אַז אַ מײדעל פֿאַלט, פֿאַלט זי שטענדיג אויפֿ'ן ריקען.

27 אַז אַן אָרעמע כּלה שטעלט זיך טאַנצען, געהען די כּלי־זמר פּישען.

28 אַז גאָט וועט מיך דערפֿרײען, וועל איך אויך מיט'ן תּחת דרעהען.

זאָגט אַן אָרעם מײדעל, וואָס זי האָפֿט נאָך אַ רײכען שידוך צו טרעפֿען.

29 אַז דאס ווײב איז אַ הור, ווערט דער מאַן אַ גביר.

30 אַז דאס ווײב איז אַ נדה, האָט דער מאַן אַ בּידע.

בּידע = p. bieda — פֿערגל. Nr. 34.

31 אַז דאס ווײב איז ברוגז, לײענט זי אָב קריאת־שמע און דרעהט זיך אום צום מאַן מיט'ן תּחת.

32 אַז דאס ווײב גיט ניט, מעג זיך דער מאַן אפילו אויפֿ'ן קאָפּ שטעלען.

33 אַז דאס ווײב געהט אין מקוה אַריין, קוקט דער מאַן פֿונ'ם פֿענסטער אַרויס.

ד. ה. ער קוקט אויף איהר אַרויס מיט אומגעדולד.

34 אַז דאס ווײב האָט די וסת, האָט דער מאַן שלעכטע קעסט.

פֿערגל. Nr. 30.

35 אַז דאס ווײב האָט מורא, זי זאָל ניט מעוברת ווערען, רעדט זי דעם מאַן אײן, אַז זי ווײנט בּײ טאָג דאס קינד.

36 אַז די טוּקעריִן שׁרַייט: כָּשֵׁר כָּשֵׁר! מֶעג זִיךְ דֶער מַאן אוֹיף אִיהר פֶערלָאזֶען.
(אָדֶער :... אִיז עֶס מִכְּתָמָא וֶוערנָע.)

וֶוערנָע = r. вѣрно

37 אַז דִי קִישְׁקֶע אִיז זַאט, פְרֵייט זִיךְ דֶער תָּחַת.

קִישְׁקֶע = p. kiszka

38 אַז דִי רֶבִּי'צִין הֵייסְט זִיךְ דְרֶעהֶען, טָאר זִי דֶער בֶּעלְפֶער נִיט דֶערְדַערְגָּנ'עֶנֶען.

39 אַז דֶער מֶענְשׁ אִיז אוּמְמוּטְהִיג, לָאזְט דֶער קְלֵיינֶער אוֹיךְ אַרָאב דֶעם קָאפּ.

40 אַז דֶער צַער פוּנ'ם טְרָאגֶען אִיז יָא אַזוֹי גְרוֹיס, וואוּ נֶעמֶען זִיךְ אַזוֹי פִיל אַמֶען?

41 אַז דֶער קְלֵיינֶער וִויל נִיט שְׁטֶעהֶען, לֶעגְט מֶען אִיהם אִין דֶער גְּמָרָא אַרַיין.

וַוייל מֶען זָאגְט, אִין דֶער גְּמָרָא שְׁטֶעהְט אַלֶעס.

42 אַז דֶער קְלֵיינֶער וִויל נִיט שְׁטֶעהֶען, מוּז מֶען זִיךְ מִיטְ'ן פִינְגֶער בֶּעגֶעהֶען.

פֶערְגְל. Nr. 157.

43 אַז מֶען הָאט נָאר אִין זִין בְּרָאנְפֶען אוּן קוּרְוֶועס, גֶעהְט מֶען צוּם־סוֹף נַאקֶעט אוּן בָּארְוֶועס.

קוּרְוֶוע = p. kurwa

44 אַז מֶען הָאט נִיט וָואס צוּ טְהוּן, אִיז קַאקֶען אוֹיךְ אַן אַרְבַּייט.

45 אַז מֶען מַאכְט צוּ דִי לָאדֶען, אִיז אַ מִיאוּסֶ'ע מִ'יד אוֹיךְ אַ פְלָאדֶען.

46 אַז דֶער מַאן אִיז פוֹיל אַרוֹיפְצוּקְרִיכֶען, מוּז דָאס וַוייב אַרוּנְטֶערְקְרִיכֶען.

47 אַז מֶען פִּישְׁט אַ צֶלֶם, פֶּגֶר'ט אַ גַּלָח.

אַזוֹי זָאגֶען דִי חֶדֶר־יוּנְגֶלֶעךְ אִין רוּסְלַאנְד.

48 אַז מֶען פִּישְׁט זִיךְ אוֹיס, וֶוערְט לִיכְטִיגֶער אִין דִי אוֹיגֶען.

49 אַז מֶען פִּישְׁט קְלָאר, קַאקְט מֶען אַן דֶעם דָאקְטָאר.

ד. ה. וָוען דִי הַשְׁתָּנָה אִיז רֵיין, אִיז אַ סִימָן, אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְד אוּן מֶען בֶּעדַארְף נִיט אָנְצוּקוּמֶען צוּ קֵיין דָאקְטָאר.

50 אַז מֶען קַאקְט זִיךְ אוֹיס, וֶוערְט גְרִינְגֶער אוֹיף דֶעם הַארְצֶען.

51 אַז מֶען קֶען נִיט קַאקֶען, אִיז אַ פָארְץ אַלֵיין אוֹיךְ גוּט.

52 אַז מֶען שְׁטֶעקְט אַרַיין אִין אַלֶעמֶען דִי נָאז, שְׁמֶעקְט מֶען סִירוּחַ.

53 אַז מֶען שְׁלָאפְט מִיטְ'ן וַוייב, שְׁטֶעלְט מֶען דֶער וֶועלְט דֶעם תָּחַת אַרוֹיס.

מֶען דֶענְקְט זִיךְ דֶערְבַּיי דִי פָּאזִיצְיֶע פוּנ'ם מַאן בִּשְׁעַת תַּשְׁמִישׁ.

54 אַז מֶען שְׁמַייסְט אִין תָּחַת, גֶעהְט עֶס אִין קָאפּ אַרַיין.

ד. ה. מֶען גֶעדֶענְקְט לַאנְג דִי חֲטָאִים, פַאר וֶועלְכֶע מֶען הָאט אָבְּגֶעשְׁמִיסֶען.

55 אַז מֶען שְׁמַייסְט אִין תָּחַת, וַוייגֶען דִי אוֹיגֶען.

56 אַ חוּפָּה שְׁטֶעלְט מֶען, אוּן דָאס פָּאאָר־פָאלְק בֶּעלֶעגְט מֶען.

57 אַ מְעוּבֶּרֶת װײַבֶעל קָען שױן מְעוּבֶּרֶת'ער נִיט װָערֶען – רײַבּ־זְשֶׁע, מָאטְיֶע, װײַטֶער.

58 אַז מָען שְׁפִּילְט זִיךְ בײַ נאַכְט מִיט פײַיֶער, בֶּעפִּישְׁט מָען זִיךְ אִין בֶּעטְט.

אַזױ זָאגְט מֶען פַֿיר דִי קִינְדֶער, כְּדֵי זײ זָאלֶען זִיךְ נִיט שְׁפִּילֶען מִיט פײַיֶער.

59 אַ טױטֶער קָען נִיט פֿאַרְצֶען (אָבֶער שְׁטִינְקֶען).

60 אַ יוּד אִיז װִי אַ װַאנְץ: טְשֶׁעפֶּעט מֶען אִיהְם, בײַסְט עֶר, צֶעקְװֶעטְשְׁט מֶען אִיהְם, שְׁטִינְקְט עֶר.

p. zaczepić = טְשֶׁעפֶּען

61 אַ יוּד קָאכְט שַׁבָּת מִיט בְּלײַ.

װײַל דִי שַׁבָּת'דִיגֶע מַאֲכָלִים לִיגֶען װֶעהְר שְׁװֶער אִין מָאגֶען.

62 אַ יוּדֶענֶע טְהוּט אױף אײַין מָאל פִֿיֶער (אָדֶער: פִֿינְף) מְלָאכוֹת: זִי קָאכְט אוּן פִּישְׁט אַרְבײַט אַ זָאק (קְלױבְּט שְׁפֶּענֶער) אוּן זָאגְט בְּרָכוֹת.

63 אַ יִידִישׁ װײַבֶּעל מוּז אָבְהִיטֶען אִיהְר מִטָּה.

דִי ר״ת פֿוּן מִטָּה מַאכֶען: מְלִיחָה, טְבִילָה, הַדְלָקָה, דִי דְרֵיי מִצְוֹת, װָאס אַ יִידִינֶע מוּז אָבְהִיטֶען. דָא מײַינְט מֶען אָבֶּער פָּשׁוּט מִטָּה, דָאס בֶּעטְט, עֶס זָאל נִיט טָמֵא װֶערֶען.

64 אַ יוּנְג װײַבֶּעל הָאט לִיבּ אַ גְרָאבֶּע קִישְׁקֶע מִיט הַארְטֶע אײַיֶער.

Nr. 15. פֶּערְנְל. — p. kiszka = קִישְׁקֶע.

65 אִיטְלִיכְס טֶעפֶּעל גֶעפִינְט זִיךְ זײַין שְׁטֶערְצֶעל, אִיטְלִיכְס פֶּעצֶעל גֶעפִינְט זִיךְ זײַין לֶעכָעל.

66 אִיטְלִיכֶער בָּחוּר אִיז אַ זָכָר, אָבֶער נִיט אִיטְלִיכֶער זָכָר אִיז אַ בָּחוּר.

67 אײַידֶער דוּ קְרִיכְסְט אױף אַ מײַידֶעל, גְרֵייט פְּרִיהֶער אָן דֶעם װײַידֶעל.

68 אײַין מָאל פֿוּן פָאֹרְן, אוּן אײַין מָאל פֿוּן הִינְטֶען אִיז פָּא קָאזַאצְקֶע (אָדֶער: הָאט אַ טַעַם כְּצַפִּיחִית בִּדְבַשׁ).

p. po kozacku = פָּא קָאזַאצְקֶע

69 אײַינֶער הָאט לִיבּ אַ כַּלָּה מִיט אַ סַךְ גֶעלְד, דֶער אַנְדֶערֶער הָאט לִיבּ אַ כַּלָּה אָהְן אַ הֶעמְד.

70 אִיךְ זָאל גֶעהֶעגֶען װַארְטֶען, װָאלְט אִיךְ נָאךְ אַ מױד גֶעװֶעזֶען.

דָאס הָאט גֶעזָאגְט אַן אַלְטֶע אִיבֶּערְגֶעװַאקְסֶענֶע מױד. װָאס זִי הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט דֶערְװַארְטֶען אױף דֶער חוּפָּה כְּדַת משֶׁה וְיִשְׂרָאֵל, אוּן הָאט זִיךְ פְֿרִיהֶער אַן עֵצָה גֶעגֶעבֶּען.

71 אִין דִי זוּמֶער־חֳדָשִׁים, זָאל מֶען צוּ־רוּה לָאזֶען דִי נָשִׁים.

72 אִין דֶער יוּגֶענְד אַ זוֹנָה, װֶערְט אױף דֶער עֶלְטֶער אַ נְבִיאָ'טְע.

Nr. 9. פֶּערְנְל.

73 אַ יְפַת־תֹּאַר – אַ פָּאס װִי אַ טױטֶער אוּן אַ תָּחַת װִי אַ רײַבּאײַיזֶען.

פֿוּן װֶעהְר אַ דִיקֶער אוּן מִיאוּס'ער נְקֵבָה.

74 אַ לַאכֶענְדִיג װײַבֶּעל אִיז קִיצֶעלְדִיג.

פָּערְגְל. Nr. 21.

75 אַלֶע אֵבָרִים װילֶען פִּישֶׁען, אָבֶער נָאר דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעלְט מֶען אַרוֹיס.

76 אַלֶע מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען בְּתוּלוֹת, אַזוֹי לַאנְג דֶער בּוֹיךְ שְׁוַויינְט.

77 אַלֶע „צוּ" זֶענֶען שְׁלֶעכְט, נָאר „רִיק דִיךְ צוּ" אִיז גוּט.

ד. ה. װען מֶען זָאגְט צוּ־גַא נְקֵבָה, זִי זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶען.

78 אַ מְיוּחָס, קוּשְׁט אִין תָּחַת.

דִי הַיינְטִיגֶע װעלְט הָאט גִיט קֵיין גְרוֹיסֶען דֶרֶךְ־אֶרֶץ פַאר אַ מְיוּחָס.

79 אַ מֵיידֶעל אִיז אִיבְּרִיג אוֹיף אַ בְּרִית, אָבֶער צוּם בְּרִית מַאכֶען מוּז זִי זַיין דֶערְבַּיי.

80 אַ מֵיידֶעל פוּן אַכְטְצֶעהְן יָאהְר מֶעג שוֹין טְרָאגֶען אָהְן אַן עֵירוּב.

פָּערְגְל. Nr. 25.

81 אַ מִצְוָה, װי אַ שְׁכּוֹרְ'ן נוֹי פִּישֶׁען צוּ פִיהְרֶען.

ד. ה. עֶס אִיז נִיט קֵיין זֶעהְר גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

82 אַ מֵת אִיז פָּטוּר פוּן פְּרִיָה וּרְבִיָה.

83 אַן אֵייגֶען װײַיבּ אִיז גוּט בַּיי נַאכְט, אַ פְרֶעמְד װײַיבּ מוּז מֶען בַּיי טָאג אוֹיךְ בֶּענוּצֶען.

84 אַן אֵייגֶען װײַיבּ הָאט מֶען תָּמִיד, אַ פְרֶעמְד װײַיבּ אִיז אַ מַעֲרָכָה.

85 אַן אֵייגֶענֶער פָארְץ שְׁטִינְקְט נִיט אַזוֹי, װי אַ פְרֶעמְדֶער.

86 אַן אַלְטֶע מוֹיד דַארְף נִיט הָאבֶּען נִיט קֵיין שְׁטַר אוּן נִיט קֵיין כֶּסֶף, נָאר דָאס דְרִיטֶע.

דָאס „דְרִיטֶע" פֶערְשְׁטֶעהְט מֶען דָא: בִּיאָה.

87 אַן אַלְטֶער מַאן הָאט אֲפִילוּ לִיבּ װײַיךְ פְלֵייש, נָאר אֵיין שְׁטִיקֶעל װיל עֶר הָאבֶּען הַארְט, קֶען עֶר עֶס נִיט אוֹיסְפִיהְרֶען.

88 אַן אַלְמָנָה (אָדֶער: אַ יְתוֹמָה) אִיז אַ מִצְוָה צוּ קִיצְלֶען, פוּן פָארְן אָדֶער פוּן הִינְטֶען.

װײַיל עֶס אִיז אַ מִצְוָה זֵיי מְשַׂמֵּחַ צוּ זַיין, דֶערִיבֶּער מֶעג מֶען מִיט זֵיי קַאטָאוֶועס טְרֵייבֶּען.

89 אַן אֵשֶׁת־אִישׁ אִיז װי אַ מַתָּן בְּסֵתֶר.

ד. ה. מֶען װייסְט נִיט, װָאס מֶען לֶעגְט אִין אִיהְר אַרַיין.

90 אַן עֶהְרְלִיכֶער יוּד! אִין דֶער פְרִיה (אָדֶער: צוּ שַׁחֲרִית) קוּשְׁט עֶר צִיצִת, בַּיי נַאכְט (אָדֶער: נָאךְ מַעֲרִיב) קוּשְׁט עֶר צִיצְקֶעס.

91 אַ נְקֵבָה װי אַ דָאמְבּ, נָאר אִין דֶער מִיטְט אִיז אַ סֶענְק.

p. sęk = סֶענְק ; p. dąb = דָאמְבּ

92 „אִסוּר־חֲזִיר" אִיז קֵיין שְׁבוּעָה, „קוּשׁ אִין תָּחַת" אִיז קֵיין קְלָלָה.

93 אַ פָּאץ װי אַ דְרָאנְג, אַ פִּירֶעג װי אַ פְלָאדֶען.

r. пирогъ = פִּירֶעג ; p. drąg = דְרָאנְג

94 אַ פּאַץ שְׁטֶעהְט, אָבֶער דִי צַייט שְׁטֶעהְט נִיט!

אַזוֹי בַּייזָערְט מֶען זִיךְ לְמָשָׁל אוֹיף אַ מִשְׁרַת אַ קְרִיכָער, וָואס עֶר שְׁטֶעהְט אִין רִיהְרְט זִיךְ נִיט פוּנְ'ם אָרְט.

95 אַ פִּירָעג אִיז נִיט קַיין קְרֶעפֶּעל, עֶר וֶוערְט קַיין מָאל נִיט פֶּער'מִיאוּסְ'ט.

וַוייל אַן אַנְדֶער שְׁפְּרִיכְוָוארְט זָאגְט: קְרֶעפְּלִיךְ וֶוערֶען אוֹיךְ פֶּער'מִיאוּסְ'ט.

96 אַ פִּישׁ אָהְן אַ פָּארְץ אִיז וִוי אַ רֶעגֶען אָהְן אַ דוּנֶער. (אָדֶער: ... וִוי אַ חֲתוּנָה אָהְן כְּלֵי־זֶמֶר.)

97 אַ פָּרוֹכֶת אָהְן גְלֶעקְלֶעךְ, אוּן מְשׁוֹרְרִים אָהְן שְׁמֶעקְלֶעךְ אִיז קַיין יוּדִישֶׁע שׁוּהְל נִיט.

אַזוֹי שְׁפֶּעטֶען דִי פְרוּמֶע יוּדֶען פוּן דִי רֶעפָארְמִירְטֶע סִינַאגָאגֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען בַּיי זִיךְ אַיינְגֶעפִיהְרְט אָרְגֶעל אוּן פְּרוֹיֶענְקָאר.

98 אַ פוּל בֶּעטְט מִיט וַוייבּ (אָדֶער: ...מִיט פְלַייש.)

פוּן זֶעהְר אַ דִיקֶער נְקֵבָה.

99 אַ קַאנְקֶע אִיז אַ גֶעשֶׁעפְט, וואוּ מֶען לֶעגְט תָּמִיד מֶעהְר אַרַיין, וִוי מֶען נֶעמְט אַרוֹיס.

p. kanka = קַאנְקֶע

100 אַ קַאנְקֶע שַׁאדְט אוֹיךְ נִיט.

דָאס עֶנְטְפֶערְט מֶען אַ מֶענְשֶׁען, וָואס עֶר פְרֶעגְט תָּמִיד: וָואס קֶען דָאס שַׁאדֶען?

101 אַ קָארְט אִיז וִוי אַ הוּר.

ד. ה. פַאלְשׁ אוּן אוּמְגֶעטְרַייא.

102 אַ קוּשׁ אַ וַוייבֶּעל אִיז אַ זַאדַאטֶעק.

p. zadatek = זַאדַאטֶעק

103 אַ קוּרְוֶוע גִיט נִיט אוֹיף קְרֶעדִיט, וָוארוּם אִיהְר גֶעשֶׁעפְט אִיז נָאר אוֹיף אַ מִינוּט.

p. kurwa = קוּרְוֶוע

104 אַ קוּרְוֶוע פַאר אֵיינֶעם, אִיז אַ קוּרְוֶוע פַאר אַלֶע.

105 אַ קְלָלָה אָהְן בַּיינֶער – אָט, קוּשׁ מִיךְ אִין תָּחַת אַרַיין!

p. ot = אָט

106 אַ קְנִיפּ אִין תָּחַת זָאל מֶען זִיךְ גֶעבֶּען אוּן רוֹיט אִין פָּנִים זָאל מֶען זַיין.

ד. ה. מֶען זָאל זִיךְ מִיה גֶעבֶּען, דַיינֶע צָרוֹת פַאר דֶער וֶועלְט נִיט אַרוֹיסְצוּוַוייזֶען.

107 אַ שַׁדְכָן אִיז אַ קוּרְוֶוע־מֶעקְלֶער.

108 אַ שְׁטוּמְפִּיג מֶעסֶער, אוּן טְרֶעגְט פָארְט דֶעם וַוייבֶּערְשֶׁען פֶּעלְץ.

109 אַ שְׁמוּקְלֶער מֶעג דְרֶעהֶען זַיין אֵיינֶענֶע שְׁנוּר, אָבֶּער פְרֶעמְדֶע זָאל עֶר לָאזֶען צוּ־רוּה.

שְׁמוּקְלֶער = p. szmuklerz — וָוארְטְשְׁפִּיל צְוִוישֶׁען דֶעם וָוארְט שְׁנוּר = שְׁוִוינֶער־טָאכְטֶער אוּן דֶער שְׁנוּר, וָואס דֶער שְׁמוּקְלֶער מַאכְט.

110 א תָּחַת ווי אַ דינִיע, ציצלעך ווי די עֶפּעל, און די מַעֲשֶׂה ווי אַ פְּלוֹים (אָדער: ווי אַ קַייזערקע.)

דינִיע = p. dynia ; קייזערקע = p. kajzerka

111 בַּיי איהר אין מִיטען, קען מען אַריינפָאהרען מיט אַ שְׁלִיטען.

112 בַּיים ערשטען מָאל שְׁרַייט אַ מֵיידעל „אוי, אוי, אוי!“ – בַּיים צווייטען מָאל לַאכְט זי „חַא, חַא, חַא!“

113 בַּיי פִישׁ און בַּיי אַ מֵיידעל איז דָאס בֶּעסטע דָאס מִיטעלשְׁטִיק.

114 בֶּעסער אַ פְּלַיישִׁיגער פִּירעג, אַיידער אַ מִילכְדִיגער וַוארעניק.

פִּירעג = r. пирогъ ; וַוארעניק = r. вареникъ

115 בֶּעסער פוּן דער ערגסטער גַאנְז דער תָּחַת, אַיידער פוּנ׳ם בֶּעסטען חַזָן דער הַאלְז.

116 בִּשְׁעַת הַדְּחַק איז אַ קְרוּמֶע נְקֵבָה אויך גוּט – אַבִּי זי ליגט נָאר גְלַייך.

אַבִּי = p. aby

117 נָאטְס וואונְדער, אַ פָּאץ מַאכְט קִינְדער!

118 גִיב תָּחַת און גֶעה וַוארעמעס עֶסען.

אַזוֹי זָאגט דער בֶּעלְפֶער צוּ די חֶדר־יוּנְגְלעך, אַז ער שְׁמַייסט זֵיי אָב, אַיידער ער לָאזְט זֵיי אַהַיים גֶעהען צוּ וַוארעמעס (מִיטָאג עֶסען.)

119 גֶעה וַוייטער קַאקען!

זָאגְט מען צוּ־נְ־אַיינֶעם, וָואס ער איז לֶעסטִיג גֶעוָוארען.

120 גֶעפָאהרען, גֶעפָאהרען, אַ תָּחַת גֶעקוּמען!

וֶוען אַיינער קוּמְט צוּריק פוּנ׳ם וועג, און הָאט נִיט אויסגֶעפִיהרט זַיין גֶעשֶׁעפְט.

121 דָץ דער סוֹחֵר, פָּאץ דער מֶעקלער.

וֶוען צְוויי שְׁלִים־מַזָלְנִיקעס ווילען אויספִיהרען אַ גֶעשֶׁעפְט. – בֶּעצִיהט זיך אויף אַ פָּסוּק אין די זְמִירוֹת לְמוֹצָאֵי שַׁבָּת: דָץ הַסּוֹחֵר בְּ־אוֹתוֹ...

122 דָאס קִינְד איז גֶעבוֹירען צוּ דער צַייט, נָאר די חוּפָּה הָאט מען צוּ שְׁפֶּעט גֶעשְׁטעלְט.

וֶוען אַ וַוייבֶּעל בֶּעקוּמְט בַּאלְד נָאך דער חֲתוּנָה אַ קִינְד.

123 די בַּאבְּע זָאל הָאבֶּען אַ שְׁמֶעקעלע, וָואלְט זי גֶעוֶוען אַ זֵיידעלע.

בַּאבְּע = p. babka

124 די וַוייבֶּערס גַאנְצֶע גְבוּרָה שְׁטֶעקְט אין דעם תָּחַת.

פֶּערגל. Nr. 164.

125 די חוּפָּה־נַאכְט איז אֲפִילוּ אין ווינְטער צוּ קְלֵיין.

126 די חוּפָּה פֶּערדֶעקט (אָדער: דֶעקט צוּ) אַלֶע עֲבֵרוֹת.

ד. ה. וֶוען אַ מֵיידעל הָאט פַאר דער חֲתוּנָה גֶעזִינְדיגט, ווערט עס נָאך דער חוּפָּה צוּגֶעשְׁרִיבֶּען דעם אַייגֶענֶעם מַאן און דָאס קִינְד איז כָּשֵׁר.

127 די כַּלָּה הַאלְט זיך צוּ די אויגען אין דער חוּפָּה־נַאכְט, אָבֶּער זי קוּקְט דוּרך די פִינְגֶער.

128 די כלה שעמט זיך, אבער הנאה האט זי פארט.

129 די מוהמע חיה, צא זא דווא גראשי דופע דאיע.

p. co za dwa groszy dupę daje.

130 די קעכין קען אליין מאכען א קוגעל, אבער א קינד לאזט זי זיך מאכען פון דעם בעל־בית.

131 דעם ערליכסטען יודען טאר מען ניט געטרויען א ביטעל מיט געלד צוגעקאפעטנט און א מיידעל צוגעפוסענט, ווארום דער ביטעל וועט ווערען לעדיג און דאס מיידעל פול.

132 דער גרעסטער חסרון ביי א מיידעל איז דער קוה־שכל (אדער:... דער שכל פון א בת־כהן.)

ד. ה. ווען זי פיהרט זיך שלעכט אויף. — „קוה־שכל“ איז א ווארטשפיל מיט דעם פסוק „...כי תחל לזנות.“

133 דער זינדיגער מענש, ער מוז עסען און טרינקען, קאקען (הורען) און שטינקען.

134 דער נגיד פישט ניט מיט בוימעל, און קאקט ניט מיט גריוון.

135 דער סוד פון דער מקוה איז גרויס! — מען געהט אריין און מען פישט זיך אויס, מען קומט ארויס, און מען זאגט ניט אויס.

136 דער גרעסטער גנב איז דער קליינער, דורך דעם קליינסטען לעכעל קריכט ער אריין.

137 דער פעלץ אונטער דעם ווייבערשען בויך איז דאס טהייערסטע פוטערעל.

138 דער קליינער איז אהן ביינער, און אלע ביינער קומען פון איהם ארויס.

139 דער קליינער האט נאר איין אויג, און טרעפט פארט אין דער פינסטער.

140 דער קליינער שויקעלט מיט'ן קאפ, און די קליינע מאכט זיך ניט וויסענדיג.

141 דריי מאל נאז, איז איין מאל דאס.

מען זאגט, אז מען דערקענט אן דער נאז די גרעס פונ'ם גליד.

142 האב איך א שיקסע, האב איך קיין ארט ניט, האב איך אן ארט, האב איך קיין שיקסע ניט, האב איך ביידע, וויל דער קליינער ניט שטעהען.

143 האלט אונטער מיט די הענד די באקען, וועסט דו גרינגער (לייכטער) קאקען.

144 ווא אדם־הראש'ן האט ניט געפישט, דארט קען קיין גרויסע שטאדט ניט זיין.

מען מיינט אן ארט, וואס עס ליגט ניט ביי קיין גרויס וואסער, קען קיין גרויסע שטאדט ניט ווערען. דאס פאלק זאגט נעמליך, אז די גרויסע טייכען זענען געווארען פון דעם וואסער, וואס אדם־הראשון האט געלאזט.

145 וואס איז די מעשה? – די מעשה איז בעוואקסען.

דאס ענטפערט מען א מענשען, וואס פרעגט תמיד: „וואס איז די מעשה?“

146 וואס ערגער די קעסט, וואס מעהר מאכט מען קינדער.

**147** וואס קעהר זיך אן קבחת מיט'ן תחת?

אזוי האט אמאל געפרעגט א מאן זיין ווייב, וואס זי איז אויף איהם ברוגז געוועזען, ווייל ער האט זי געשאלטען, זי זאל בעקומען דאס קבחת. — דאס זאל אויך האבען געפרעגט א קראנקער דעם דאקטאר, וואס ער האט איהם געלאזט מאכען א קאנע, ווייל ער האט געהאט שטארקע היץ.

**148** וואס שווערער א ווייבעל געהט צו־קינד, וואס מעהר האט זי הנאה געהאט ביים מאכען.

**149** ווי אזוי טרעפט דער בלינדער צום ווייב אין בעט אריין? — דער קליינער פיהרט איהם.

געוועהנליך לאזט זיך א בלינדער ארומפיהרען פון א קליין יונגעל (דער קליינער). דא מיינט מען אבער אונטער „קליינער" דעם יצר־הרע, וואס פיהרט דעם בלינדען דעם וועג צום ווייב.

**150** ווי ביטער עס איז דעם בער אהן א ווייבעל, נאך ביטערער איז דעם חתן, ווען די כלה איז ניט קיין מיידעל.

**151** ווי ביי א נקבה דאס מויל איז, אזוי איז ביי איהר צווישען די פיס.

אזוי ווי מען דערקענט ביי א זכר אן דער נאז, אזוי דערקענט מען ביי א נקבה אן דעם מויל און אן די ליפען, צי זי האט א גרויסען יצר־הרע.

**152** ווי דער פורים, אזוי איז די ליל־שמורים.

די ווייבער בערעכענען אזוי, צי זיי וועלען ניט בעקומען די וסת צו דער ערשטער סדר־נאכט און צי זיי וועלען קענען זיין א מלכה, ווייל צווישען פורים און פסח זענען פונקט פיער וואכען.

**153** ווייבער האלטען, וואס עס שטעהט.

„האלטען, וואס עס שטעהט" מיינט מען געוועהנליך: וואס עס שטעהט געשריבען אין דער תורה. דא האט עס אבער אן אנדערע טייטש.

**154** ווילסט פלייש? — האפ דיך אן ביים תחת!

אזוי שרייט א בייזע מוטער אויף דעם קינד, וואס עס פערלאנגט נאך א שטיקעל פלייש.

**155** וויל ער, וויל זי ניט, וויל זי, וויל ער ניט, ווילען ביידע, פאלט אראב דער פירהאנג.

דאס האט אמאל דערצעהלט א יוד, וואס ער איז געוועזען דאס ערשטע מאל אין טעאטער.

**156** ווינשען און קאקען איז אלץ איינס.

ד. ה. ביידע האבען איין ווערטה. דארויף בעמערקט דאס פאלק אז דאס שפריכווארט איז ניט אמת, ווארום ווען מען ווינשט אין איין האנד און מען קאקט אין דער אנדערער האנד, בלייבט די לעצטע תמיד פול.

**157** וועה איז דעם מאן, ווען דער קליינער וויל ניט שטעהען און דאס ווייב מוז זיך מיט'ן פינגער בעגעהען.

Nr. 42. פערנל.

158 וָוען אַ רויטער שְׁלָאפְּט מיט אַ שְׁוואַרְצֶער קומען אַרויס שְׁפַּאקָאוואַטֶע קינְדֶער.

שְׁפַּאקָאוואַטֶע = p. szpakowaty

159 וָוען דֶער רָב הָאט אֲפִילוּ אויפְ'ם פֶּעצֶעל אַ קְרָעצֶעל, – די רָבִּי'צִין איז עָס פָּארְט מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה.

160 וָוער עָס פִּישְׁט אַזוי אָפְּט וִוי אַ הוּנְד, דֶער איז פְּרִיש און גֶעזוּנְד.

161 זי איז אִיהְם מְפַרְנֵס, און עֶר איז זִי מְזַנֶה.

וָוארְטְשְׁפִּיל מיט: הַזָן וּמְפַרְנֵס.

162 זי הָאט נוּטֶע מֹשֶׁה וְאַהֲרֹנְ'דְלֶעךְ.

פון אַ נְקֵבָה מיט פוּלֶע בְּרוּסְטֶען. — אין שִׁיר־הַשִּׁירִים (ז. ד.), קוּמְט פִיר דֶער פָּסוּק „...שְׁנֵי שָׁדַיִךְ“. דֶער מִדְרָשׁ שֶׁעמְט זִיךְ אַרויסְצוּזָאגֶען דֶעם אֱמֶת'ען טַייטְשׁ פון די צְוויי וָוערְטֶער זָאגְט עֶר, אַז מֶען מַיינְט נָאר מיט „שְׁנֵי שָׁדַיִךְ“ משֶׁה און אַהֲרֹן.

163 זֵיי הָאבֶּען בֵּיידֶע אין אֵיין גְרִיבֶּעל גֶעפִּישְׁט.

זָאגְט מֶען פון צְוויי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וָואס זֵיי זָענֶען שוין אין חֶדֶר בֶּעקַאנְט און אויסְגֶעלַאסֶענֶע גֶעוָועזֶען.

164 זַיין גַאנְצֶער כֹּחַ גֶעהְט אַרַיין אין'ם ווַייבֶּערְשֶׁען תַּחַת.

Nr. 124. פָּערְגְל.

165 זַיי נִיט מַיין מַאן, און שְׁטִיפְ מִיר נִיט די הַאנְד אין בּוּזֶעם אַרַיין — און טִיפֶער, אַוַדַאי נִיט.

אַזוי זָאגְט אַ ווַייבֶּעל צוּ־נְ'אַ מַאנְסְפֶּערְשׁוין, וָואס עֶר וִויל מיט אִיהְר צוּ־פִיל קַאטָאוָועס טְרַייבֶּען.

166 זִיךְ אַלַיין, וִוי מֶען וִויל, אָבֶּער אַ ווַייבּ אַ קִינְד מוּז מֶען מַאכֶען.

אַיינְגֶענְטְלִיךְ זָאל עָס הַייסֶען: „קְלַיידֶער“ מַאכֶען. דָא מַיינְט מֶען אָבֶּער פָּשׁוּט: דֶעם ווַייבּ אַ קִינְד מַאכֶען.

167 חוּץ דֶעם נְדַן מוּז אַ מֵיידֶעל (אָדֶער: אַ כַּלָה) נָאךְ הָאבֶּען אַ נוּטֶען צַד.

די ר"ת פון צַד מַאכֶען: צִיצְלֶעךְ, דוּפֶּע. — דוּפֶּע = p. dupa

168 חַנָה, חַנָה, לָאז דִיר מַאכֶען פון פָּארְן אַ קַאנֶע!

קַאנֶע = p. kanka

169 „חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ“ — אַז די כַּלָה איז כָּשֵׁר, איז עֶר פְרֵיילֶעךְ.

170 טַאטֶע, מַאמֶע, בָּאבֶּע, זֵיידֶע, קוּשְׁט אין תָּחַת אוּנְז בֵּיידֶע.

בָּאבֶּע = p. baba; זֵיידֶע = p. dziad — אַזוי זָאגְט אַ יוּנְג פָּאאָר־פָאלְק, וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט גֶעגֶען דֶעם ווִילֶען פון די עֶלְטֶערְן און די אִיבְּרִיגֶע קְרוֹבִים.

171 לָאזְט זִיךְ פְרִיהֶער אַ קוּשׁ גֶעבֶּען אַ מֵיידֶעל, מֶעג מֶען אִיהְר שְׁפֶּעטֶער אויפְהָעבֶּען דָאס קְלֵיידֶעל.

172 „לֹא תֵבוֹשִׁי וְלֹא תִכָּלְמִי“ — קְוועטְשׁ דִיךְ נִיט און קַאק נִיט.

שֶׁערְצְהַאפְטֶע אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פון דֶעם פָּסוּק אין לְכָה־דוֹדִי.

173 „לברית הבט" – צום ברית א בעטט. „ואל תפן ליצר", און דרעה דיך ניט פאר דעם יצר.

אזוי האט אמאל א גראבער־יונג געטייטשט דעם פסוק.

174 „ל"ג בעומר" – ליג ביי מיר!

אזוי טשעפען די יונגע לייט די מיידלעך, ווייל אים ל"ג בעומר שטעלט מען א סך חופ׳ת.

175 לעג אריין אין תחת דעם פינגער, וועט דעם קאפ ווערען גרינגער.

176 מיט א יונג ווייבעל איז גוט צו שפילען אין לאטעריע – זי איז תמיד א געווינערין.

177 מיט איין תחת קען מען ניט טאנצען אויף צוויי חתונות.

178 מיט אן אייגען ווייב, ווען איך וויל, מיט א פרעמד ווייב, ווען זי וויל.

179 „מי ידמה לך, מי ישוה לך ומי יערך לך" – א לאך איז א לאך.

180 מיכעל און רעחעל שפילען זיך ביידע אין פעצעל־לעבעל.

181 „ממכנסים יצא סוד" וואס־זשע מאכסט דו פון א פארץ אזא גרויס וועזען?

פראוועסטעווע אויף דעם שפריכווארט „נכנס יין, יצא סוד."

182 מען טרייבט מיט א ווייבעל אזוי לאנג קאטאוועס, ביז עס קומט ארויס א קליינער אמת.

183 נאך דער חופה, לעגט מען חתן־כלה אויף איין קופע (נאהענט צו דער דופע.)

p. dupa = דופע ; p. kupa = קופע

184 נאר צוליב דער ערשטער נאכט אליין, האט מען ניט חתונה.

185 ניט דא די כחות, וואס מוידווייז – צום קינדער האבען!

אזוי האט זיך געקלאגט א ווייבעל, וואס זי האט אלע יאהר בעקומען א קינד.

186 ניט דא קיין געשמאקערס, ווי א גרויסער פאץ און א קליינע פאץ.

187 ניט פיל געטראכט, און אין דער ערשטער נאכט א קינד געמאכט.

טאקי קיין עין־הרע א בריה.

188 „על חטא שחטאנו לפניך בועידת זנות" – עס איז אבער פארט וועהר זיס!

אזוי האט זיך אמאל א יוד געשלאגען אין הארץ אביין ביים על־חטא צו כל־נדרי.

189 עס שטעהט ביי איהם ווי ביי אן אגיער.

p. ogier = אגיער

190 ער געהט ארום מיט א קאזיאנע תחת.

קאזיאנע = r. казённый – אין רוסלאנד זאגט מען דאס פון איינעם, וואס ער האט עפעס פערדינדינט און האט מורא, מען זאל איהם ניט בעשטראפען.

191 ער דרעהט זיך ארום ווי א פארץ אין באד (אדער:... אין א לאמטערען; אדער... אין ראסעל.)

p. rosół. = ראסעל

192 עֶר הָאט אִין דִי הוֹיזְען אַ יְרִיד.

ד. ה. עֶר אִיז קְרַאנְק אוֹיף סִיפִילִיס.

193 עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען בַּעזֶ'עם שְׁרֶעק.

וֶוען אֵיינֶער דֶערשְׁרֶעקְט זִיךְ קְלָאפֶּערְשְׁט, אַז עֶר דֶערזֶעהְט אַ שֵׁיינֶע נְקֵבָה, אַזוֹי וִוי בּוֹעַז הָאט זִיךְ נֶעבִּיךְ דֶערשְׁרָאקֶען, אַז עֶר הָאט רוּת גֶעפִינֶען בַּיי זִיךְ אִין בֶּעטְט (...וַיֶּחֱרַד הָאִישׁ וַיִּלָּפֵת.) רוּת ג. ח.

194 עֶר ווייסְט שׁוֹין, וָואס אַ מֵיידֶעל הָאט (אָדֶער:... וָואס אַ מֵיידֶעל הָאט נִיט.)

אַ יוּנְגֶעל, וָואס עֶר אִיז פְּרִיה גֶעוָואהְר גֶעוָוארֶען פוּן אַלֶע סוֹדוֹת.

195 עֶר לֶערְנְט אַן אַלְטֶען טַאטֶען קִינְדֶער מַאכֶען!

דָאס עֶנְטְפֶערְט אַ פָּאטֶער, וֶוען אַ יוּנְגֶער מַאנְטְשִׁיק וִויל אִיהְם מַדְרִיךְ זַיין.

196 עֶר עֶסְט וִוי אַ פֶערְד אוּן קַאקְט וִוי אַ פוֹינֶעל.

197 עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ, וִוי דָאס הֶעמְד צוּם תָּחַת.

פוּן אַ לֶעסְטִיגֶען מֶענְשֶׁען, וָואס מֶען קֶען זִיךְ פוּן אִיהְם נִיט אָבְּשְׁעפֶּען.

198 פָּא חוּפְּיֶע, פָּאצַאלוּי וְו דוּפְּיֶע.

p. po chupie pocałuj w dupie. — דָאס זָאגְט נָאךְ דֶער חוּפָּה דֶער שְׁוֶועהְר צוּם אֵיידֶעם, אַז עֶר וִויל אִיהְם נִיט מְסַלֵּק זַיין דֶעם נְדָן.

199 פֶּסַח אִיז אִיטְלִיכֶער יוּד אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער אַ (ווייבֶּערְשֶׁען) תָּחַת.

200 פְּרִיָּה וּרְבִיָּה אִיז דִי בֶּעסְטֶע מִצְוָה (נָאר פִיל כֹּחַ מוּז מֶען צוּגְ־אִיהְר הָאבֶּען.)

201 פַאר אַ מֵיידֶעל אִיז אַלֶץ אַ סוֹד, נָאר קוֹים וֶוערְט זִי אִיהְם גֶעוָואהְר, אִיז זִי שׁוֹין אַ ווייבֶּעל.

202 פַאר וָואס אִיז אַ מְלַמֵּד אַ שְׁוַואנְץ? — ווייל עֶר גֶעהְט בֵּין רֶגֶל לְרֶגֶל.

וָוארְטְשְׁפִּיל צְוִוישֶׁען „רֶגֶל“ = יוֹם־טוֹב אוּן „רֶגֶל“ = פוּס.

203 פַאר וָואס הָאט אָדָם אוּן חַוָּה צוּגֶעדֶעקְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַ בְּלַאט, וֶוען קֵיינֶער הָאט זֵיי נִיט גֶעזֶעהֶען?

204 פַאר שְׁרֶעק הָאט דִי מוֹיד מַפִּיל גֶעוֶועזֶען.

205 פַאר תַּשְׁמִישׁ שְׁטֶעהְט עֶר, נָאךְ תַּשְׁמִישׁ לִיגְט עֶר.

206 פוּן אַ קוּשׁ אַ ווייבֶּעל וֶוערְט נִיט קֵיין לָאךְ, אָבֶּער מֶען אִיז נֶעהֶענְטֶער צוּגְ־אִיהְם.

207 פוּן דְרֶעק קֶען מֶען קֵיין קוֹילֶעטְשׁ נִיט פְלֶעכְטֶען.

קוֹילֶעטְשׁ = p. kołacz;

208 פוּן פָארְן קֶען אִיךְ דִיר, מַיין מַאן, נִיט וֶוערֶען, אָבֶּער דֶעם תָּחַת — קַדָּחַת!

209 פוּן שְׁמָאלֶע לָאקְשֶׁען בֶּעקוּמְט מֶען נִיט קֵיין בְּרֵייטֶען תָּחַת.

210 פְרַייטָאג, אִיז דֶער תָּחַת צֵייטִיג.

ד. ה. צוּם אָבְּשְׁמַייסֶען. — עֶס אִיז אִין דִי חֲדָרִים אַ מִנְהָג, דִי יוּנְגְלֶעךְ סִיזַיי וִוי סִיזַיי פְרַייטָאג אָבְּצוּשְׁמַייסֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען עֶס גֶעדֶענְקֶען אִיבֶּער שַׁבָּת. — חוּץ דֶעם מֵיינְט מֶען דֶעם תַּשְׁמִישׁ הַמִּטָּה פְרַייטָאג־צוּ־נַאכְטְס, וָואס אִיטְלִיכֶער יוּד הַאלְט עֶס פַאר אַן עֹנֶג שַׁבָּת.

211 **צו דער שפּיץ ברוסט, האָט איטליכער אַ געלוסט.**

מען מיינט דאָ אַוודאַי די ווייבערשע ברוסט.

212 **צום ווינשען און צום פאַרצען בעדאַרף מען נישט פוים בעטן אויפצושטעהען.**

213 **צום טראָגען מוזען זיין צוויי, צום האָבען איז גענוג איינע אַליין.**

214 **צו־נ־אַ נוטען קאָפּ מוז מען נאָך האָבען אַ נוטען אָחור.**

ד. ה. מען מוז נאָך האָבען ויצפּליש און זיין פּלייסיג.

215 **קאַק, אַז דער תּחת איז צו!**

ד. ה. ווי זאָל מען אַ זאַך אויספיהרען, ווען די מיטעל פעהלען!

216 **קאַקען איז (ביים חזן) נאָך פאַר דעם דאַווענען.**

אַ פרומער יוד, בפרט אַ חזן, ועהט צו האָבען נקיות פאַר׳ן דאַווענען.

217 **קאַקער, מאַך דיר האַרץ!**

זאָגט מען צו־נ־אייגעם, וואָס ער האָט מורא פאַר דער מינדסטער זאַך.

218 **קורץ און דיק, פון איין שטיק, און נוט אין גאַטונעק.**

גאַטונעק = p. gatunek — פון אַ גרויסען ברית־קודש.

219 **קוש אין מאָרש אַריין, וועסט דו האָבען אַ לעדערען ביימעלע.**

220 **קוש מיך, וואו די יודען האָבען גערוהט!**

ד. ה. אין אָחור אַריין. מען בערופט זיך געמליך אויפ׳ן פסוק: ויחנו בתחת.

221 **קליינע קינדער קאַקען קליינע קיפּקעלעך.**

קיפּקעלע = p. kupka. — קינדער געוועהנען זיך דערמיט שוועהרע ווערטער אַרויסצורעדען.

222 **רבי, די דינסט טראָגט! — „וואָס געהט עס מיך אָן?“ — מען זאָגט, עס איז פון אייך. — „וואָס־זשע געהט עס דיך אָן?“**

223 **רייצי, אַז מען טרעגט זי, שרייט זי.**

224 **ריק זיך, וואו האַלט איך דאָ?**

פאַראָווערסטע פון דעם פסוק: „רגזו ואל תחטאו.“ דאָס פרעגט דער מאַן דאָס ווייב, ווען די ליגען אין בעט אין דער פינסטער.

225 **רעד מיט אַ שוואַנץ חכמות!**

אַז מען פרעגט איינעם, פאַר־וואָס ער האָט אַזוי פיל קינדער, ענטפערט ער, אַז מיט׳ן יצר־הרע קען מען קיין חכמות נישט רעדען, וואָרום: „אין אפּיטרופּוס לעריות.“

226 **שמואל שמאַק, אין איין שוך, אין איין זאַק!**

פון אַ גרויסען לא־יצלח.

227 **שפּיי אַ הור אין פּנים אַריין, זאָגט זי, עס רעגענט.**